# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת ויצא, י"ב כסלו, שנת תשפ"א לפ"ק

שנה 10, גליון 10 (475)


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות.................4:13

מוצאי שב"ק....................5:43

**שיעורים כסדרן**

נ"ך.........דברי הימים-א י"ב-י"ג

בבלי..........................פסחים ז'

ירושלמי....................חגיגה י"ז

תוספתא................סנהדרין ט'

רמב"ם......................עירובין ד'

# אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

הֲלֹא בְרָחֵל עָבַדְתִּי עִמָּךְ וְלָמָּה רִמִּיתָנִי, יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר לָבָן הָאֲרַמִּי אַז עֶר וֶועט אַרְבֶּעטְן פַאר אִים זִיבְּן יָאר אַז עֶר זָאל אִים גֶעבְּן רָחֵל פַאר אַ וַוייבּ, לָבָן הָאט אִים אָבֶּער אוֹיסְגֶעפָּאפְּט אוּן אִים גֶעגֶעבְּן לֵאָה אַנְשְׁטָאט רָחֵל.

מְ'קֶען מַסְבִּיר זַיין וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי מַחְלוֹקֶת פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ מִיט לָבָן הָאֲרַמִּי, פַארְוָואס יַעֲקֹב הָאט דַוְקָא גֶעוָואלְט הָאבְּן רָחֵל, אוּן לָבָן הָאט גֶעוָואלְט דַוְקָא גֶעבְּן לֵאָה, לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן מ"ט) אַז דֶער עִיקָר יֵצֶר טוֹב אוּן יֵצֶר הָרַע זֶענֶען דִי מַחְשָׁבוֹת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וֶוען אַ אִיד טְרַאכְט גוּטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע מַחְשָׁבוֹת אִיז דָאס דֶער יֵצֶר טוֹב, אוּן פַארְקֶערְט וֶוען אַ אִיד טְרַאכְט נֶעבֶּעךְ שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען אִיז דָאס דֶער יֵצֶר הָרַע.

אוּן אַזוֹי זֶעט מֶען אוֹיף גָאר אַסַאךְ פְּלֶעצֶער וִוי דֶער רֶבִּי רֶעדְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט אוּן הַארְבְּקֵייט פוּן דִי גֶעדַאנְקֶען פוּן אַ מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן נ"ג) אַז פוּן יֶעדֶע מַחְשָׁבָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט, וֶוערְט פוּן דֶעם בַּאשַׁאפְן גַאנְצֶע זַאכְן, וָואס בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג, אוּן דֶערְפַאר דַארְף אַ אִיד זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת, עֶר זָאל פְּרוּבִּירְן נָאר צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר טְרַאכְטְן פוּן גוּטֶע זַאכְן, אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס ווִיל אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אִים שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז דֶער מֹחַ לוֹיפְט זֵייעֶר שְׁנֶעל אוּן ווִילְד, סְ'אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ הַאלְטְן דֶעם קָאפּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ צוּ טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ע"ב) אַז אֲפִילוּ אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס ווִיל אַוֶועקְלוֹיפְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אִיז אִים דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער, וַוייל וִוי מֶער עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי מַחְשָׁבוֹת, לוֹיפְן זֵיי אִים כְּסֵדֶר נָאךְ מֶער אוּן מֶער, וַוייל דָאס אִיז דִי נַאטוּר פוּן דִי מַחְשָׁבוֹת אַז וִויפִיל מְ'פְּרוּבִּירְט פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן זֵיי, אַלְץ מֶער לוֹיפְן זֵיי נָאךְ דֶעם מֶענְטְשׁ. עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט צוּ שָׁאקְלֶען דֶעם קָאפּ אַהֶער אוּן אַהִין, דָאס נֶעמְט נִישְׁט אַוֶועק דִי מַחְשָׁבוֹת פוּן קָאפּ. אוּן דֶער רֶבִּי פִירְט דָארְט אוֹיס אַז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת אִיז נָאר צוּ גֵיין צוּ אַן אֱמֶת'עֶר צַדִּיק, אוּן עֶר וֶועט אִים גֶעבְּן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אוּן דִי רִיכְטִיגֶע עֵצוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ הֵיילִיגְן אוּן רֵיינִיגְן אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַרַיינְקוּמֶען קַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת אִין קָאפּ. אוּן דֶערְוַוייל, וִוי לַאנְג מְ'הָאט נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם, זָאל מֶען בִּכְלַל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי מַחְשָׁבוֹת, מְ'זָאל לָאזְן דִי מַחְשָׁבוֹת וַוייטֶער לוֹיפְן, אוּן וַוייטֶער טוּן גוּטֶע זַאכְן, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן אוּן מִסְחָר, אוּן בִּכְלַל נִישְׁט טְרַאכְטְן וֶועגְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת.

וָואס אִיז דִי עֵצָה וָואס דֶער אֱמֶת'עֶר צַדִּיק וֶועט גֶעבְּן? וֵוייסְן מִיר דָאךְ שׁוֹין וָואס דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצָה אִיז אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, דִי עֵצָה אִיז תְּפִלָּה, זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס מְ'גֵייט אַרִיבֶּער, נָאר אַזוֹי קוּמְט מֶען אָן צוּ יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ.

דָאס אִיז שׁוֹין אַ זַאךְ וָואס מְ'קֶען יָא מֶער אָנְכַאפְּן. דִי מַחְשָׁבוֹת זֶענֶען בַּאהַאלְטְן, מְ'קֶען זֵיי נִישְׁט אָנְטַאפְּן, זֵיי פְלִיעֶן זֵייעֶר שְׁנֶעל אַוֶועק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַרוֹיס פוּן קָאנְטְרָאל. דָאס מוֹיל אִיז אָבֶּער שׁוֹין יָא מֶער אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה מִיטְ'ן מוֹיל, דַאן וֶועט דָאס שׁוֹין אוֹיסְרֵיינִיגְן אוֹיךְ זַיין מַחְשָׁבָה. מִיט יֶעדֶע וָוארְט וָואס אַ אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַואקְסְט עֶר אוֹיס זַיין מֹחַ מֶער אוּן מֶער, אוּן אַז עֶר וֶועט דָאס אָנְהַאלְטְן אַזוֹי פַאר טֶעג אוּן יָארְן, וֶועט עֶר צוּם סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ רֵיינֶע אוּן הֵיילִיגֶע מַחְשָׁבוֹת, צוּ טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער יֵצֶר הָרַע אַרְבֶּעט דָאךְ אוֹיף אַלֶע וֶועגְן אַוֶועקְצוּנֶעמֶען אַ אִיד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֵיינֶע פוּן זַיינֶע וֶועגְן אִיז אַז עֶר פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ וִוי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר ווִיל גָאר הֶעלְפְן דֶעם אִיד זַיין מֶער עֶרְלִיךְ, אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג נֶעמְט עֶר אִים אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן א') אַז דִי סָארְט יֵצֶר הָרַע וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "לָבָן", עֶר טוּט זִיךְ אָן וִוי אַ וַוייסֶער מַלְאָךְ, עֶר קוּמְט מִיט אַ שֵׁיינֶעם לְבוּשׁ אַזוֹי וִוי עֶר ווִיל גָאר הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ נֶענְטֶער וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

"לֵאָה" אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי מַחְשָׁבוֹת וָואס זֶענֶען בַּאהַאלְטְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים כ"ט, כ"ח) "הַ'נִּסְתָּרֹת לַ'ה' אֶ'לֹקֵינוּ", וָואס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "לֵאָה". אוּן "רָחֵל" אִיז מְרַמֵּז אוֹיפְ'ן דִיבּוּר, וָואס דָאס אִיז אַן אָפֶענֶע זַאךְ וָואס מְ'קֶען מֶער זֶען אוּן אָנְטַאפְּן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ד', ז') "לַ'פֶּתַח חַ'טָּאת רֹ'בֵץ", וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן מ"ח) אַז דָאס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "רָחֵל", אוּן דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן מוֹיל (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן י"ט), וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִיכָה ז', ה') "שְׁמֹר פִּתְחֵי פִיךָ".

<<<<<<

# מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

## טְרֶעפְּל נָאךְ טְרֶעפְּל

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט דִי כּוֹחוֹת אוּן דִי מֶעגְלִיכְקֵייטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ צוּ זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט. יֶעדֶער אוֹיף זַיין וֶועג קֶען אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע זַאכְן. דִי סִיבָּה פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט מַצְלִיחַ, אִיז נָאר וַוייל עֶר גֶעבְּט אוֹיף וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקֵייטְן. וֶוען עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעפְּלַאנְט, וֶועט עֶר אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעבְּן, אוּן זִיךְ נִישְׁט שְׁטַארְקְן צוּ גֵיין וַוייטֶער. וֶוען מֶען הָאט אָבֶּער דֶעם שֵׂכֶל אוּן מֶען וֵוייסְט אַז דֶער לֶעבְּן גֵייט אֵייבִּיג אַזוֹי, עֶס זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג דָא שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, מֶען דַארְף זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן עֶס אִיבֶּערְצוּקוּמֶען, דַאן וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, אוּן דָאס וָואלְט אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּ דִי גְרֶעסְטֶע הַצְלָחָה.

יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעזֶען אִין חָלוֹם אַ "סֻלָּם" - אַ לֵייטֶער, וָואס שְׁטֵייט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן גֵייט אַרוֹיף בִּיזְ'ן הִימְל. דָאס אִיז נִישְׁט נָאר גֶעוֶוען דֶער חָלוֹם פוּן יַעֲקֹב, נָאר דָאס אִיז אוֹיךְ אוּנְזֶער וֶועג-וַוייזֶער. אַלֶעס וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט מִיט דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת, אִיז אַ סִימָן פַאר אוּנְז, אוּן לֶערְנְט אוּנְז דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ מִלִּיזֶ'ענְסְק זי"ע זָאגְט אִיז זַיין תְּפִלָּה: "וּמִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה תַּעֲלֵנוּ, שֶׁנִּזְכֶּה לָבוֹא לְמַעֲלַת אֲבוֹתֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים, אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב" - עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל גֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, בִּיזְ'ן זוֹכֶה זַיין צוּ דִי מַדְרֵיגוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת, אַבְרָהָם יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב.

אֲפִילוּ וֶוען אַ אִיד לִיגְט מַמָּשׁ אִין דֶער עֶרְד, עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט וֶוערְד, עֶר פִּילְט אַז עֶר אִיז מַמָּשׁ דֶער נִידֶערִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, דַארְף עֶר אָבֶּער וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶן אַז דָארְט אוֹיף דֶער עֶרְד שְׁטֵייט אַ גְרוֹיסֶער לֵייטֶער בִּיזְ'ן הִימְל, עֶר דַארְף זִיךְ נָאר צוּזַאמְנֶעמֶען אוּן אָנְהוֹיבְּן אַרוֹיפְקְרִיכְן אוֹיפְ'ן לֵייטֶער, אוּן דַאן וֶועט עֶר אָנְקוּמֶען בִּיזְ'ן הִימְל אַרַיין.

וִוי אַזוֹי קְרִיכְט מֶען אַרוֹיף דֶעם לֵייטֶער? שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (ח"ג רס"ז ע"א) אַז "סוּלָּם" אִיז

<<<<<<

# א גוט ווארט

נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז מֶען אִיז שׁוֹין פַארְפַאלְן; יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנַיי. אַז דוּ בִּיסְט גֶעפַאלְן אִין אַ בְּלָאטֶע, בְּלַייבּ נִישְׁט לִיגְן דָארְט; דֶער רֶבִּי זָאגְט: "וֶוען מֶען גֵייט אִין אַ גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע גֵייט מֶען אַ פוּס אַרַיין אַ פוּס אַרוֹיס, דֶער עִיקָר טָאר מֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֵיין מִיט בֵּיידֶע פִיס"; אַ פוּס אַרַיין אַ פוּס אַרוֹיס, אַ פוּס אַרַיין אַ פוּס אַרוֹיס - בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּצֵא תשפ"א)

## בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# גֵיי הַפָּצָה נָאר וואוּ מֶען לָאזְט דִיר גֵיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בֵּית שֶׁמֶשׁ.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס אִיז דַיין פְּרַאגֶע? שׁוֹין זָאלְסְטוּ אַרִיבֶּער גֵיין צוּ דִי הַנְהָלָה אוּן זֵיי אוּנְטֶערְשְׁרַייבְּן דִי צְוֵויי זַאכְן, א) אַז דוּ גֵייסְט מֶער נִישְׁט לֵייגְן קַיין גִלְיוֹנוֹת אִין זֵייעֶר שׁוּל אוּן ב) דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט רֶעדְן פוּן בְּרֶסְלֶב אִין סְקוּל; הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא, שְׁרַייבּ זֵיי אוּנְטֶער דִי צְוֵויי זַאכְן, דַיין טָאכְטֶער זָאל הָאבְּן אַ סְקוּל וואוּ צוּ לֶערְנֶען.

בִּכְלַל פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט, פַארְוָואס גֵייסְטוּ קֶעגְן מַיין ווִילְן? אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין גֶעזָאגְט כַּמָה פְּעָמִים דוּ זָאלְסְט נִישְׁט לֵייגְן קַיין גִלְיוֹנוֹת אִין שׁוּל'ן וואוּ מֶען לָאזְט דִיר נִישְׁט לֵייגְן, וָואס זוּכְסְטוּ זִיךְ צָרוֹת? אוּנְזֶער וֶועג אִיז נִישְׁט בִּכְפִיָּה, מִיר צְווִינְגֶען קֵיינֶעם נִישְׁט; אַז דִי גַבָּאִים לָאזְן דִיר נִישְׁט בְּרֶענְגֶען דִי גִלְיוֹנוֹת - פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ רֵייצְן מִיט זֵיי? וָואס מֵיינְסְטוּ, זֵיי וֶועלְן אַרַיין נֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶער?

אַז דוּ ווִילְסְט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס חִיזוּק זָאלְסְטוּ גֵיין נָאר וואוּ מֶען לָאזְט דִיר גֵיין, דִי אַלֶע וָואס וַוארְפְן דִיר אַוֶועק וֶועלְן זִיךְ נָאךְ קוּמֶען בֶּעטְן בַּיי דִיר, וָואס דַארְפְסְטוּ גֵיין צוּ מִתְנַגְדִים?

אִיךְ בֶּעט דִיר זָאלְסְט גֵיין צוּ דִי גַבָּאִים אוּן זֵיי אוּנְטֶערְשְׁרַייבְּן אַז דוּ בְּרֶענְגְסְט מֶער נִישְׁט קַיין גִלְיוֹנוֹת בַּיי זֵיי אִין שׁוּל אוּן דוּ זָאלְסְט טַאקֶע מֶער נִישְׁט לֵייגְן דָארְט קַיין גִלְיוֹנוֹת, אוּן אַז דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט רֶעדְן אִין סְקוּל פוּן בְּרֶסְלֶב.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן אַז מֶען הָאט אָנְגֶענוּמֶען דַיינֶע קִינְדֶער.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה לֶךְ תשפ"א)

>>>>>>

דֶער לָבָן הָאֲרַמִּי, דֶער וַוייסֶער יֵצֶר הָרַע, ווִיל אַוֶועקְנֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זַיין פָּאפְּעֲרַיי, עֶר זָאגְט פַאר'ן מֶענְטְשׁ אַז דֶער עִיקָר זָאל עֶר אַרְבֶּעטְן אוֹיף דִי מַחְשָׁבוֹת, צוּ הָאבְּן רֵיינֶע אוּן הֵיילִיגֶע מַחְשָׁבוֹת, צוּ טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. פוּן אוֹיבְּנְאוֹיף זֶעט דָאס אוֹיס ווִי אַ גוּטֶע זַאךְ, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם, וַוייל מְ'קֶען נִישְׁט אַרְבֶּעטְן גְלַייךְ אוֹיף דִי מַחְשָׁבוֹת. דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעוָואלְט גֶעבְּן קוֹדֶם לֵאָה וָואס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי מַחְשָׁבוֹת.

יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט אָבֶּער גֶעוואוּסְט דֶעם אֱמֶת, אַז כְּדֵי צוּ וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, כְּדֵי אַז דֶער מֹחַ זָאל טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מוּז מֶען אָנְהוֹיבְּן קוֹדֶם מִיטְ'ן מוֹיל, דֶערְפַאר הָאט עֶר דַוְקָא גֶעוָואלְט הָאבְּן רָחֵל, וָואס אִיז מְרַמֵּז אוֹיפְ'ן מוֹיל.

דֶערִיבֶּער דַארְף אַ אִיד זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיטְ'ן מוֹיל, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס זַיין קָאפּ אוּן מֹחַ טְרַאכְטְן, אֲפִילוּ עֶר אִיז נָאךְ גֶעפַאנְגֶען בַּיים יֵצֶר הָרַע, זַיין מֹחַ טְרַאכְט לֵיידֶער נָאר פוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, זָאל עֶר אָבֶּער נוּצְן זַיין מוֹיל צוּ רֶעדְן נָאךְ אַ וָוארְט אוּן נָאךְ אַ וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיין מוֹיל זָאל זָאגְן נָאךְ אוּן נָאךְ וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה, אֲפִילוּ אוֹיף דִי מִינוּט זֶעט מֶען נִישְׁט וָואס דָאס טוּט אוֹיף, אוֹיבּ אָבֶּער וֶועט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר רֶעדְן אוּן רֶעדְן נָאךְ אוּן נָאךְ גוּטֶע זַאכְן, וֶועט צוּם סוֹף זַיין מֹחַ זִיךְ אוֹיסְלַייטֶערְן, עֶר וֶועט אָנְהוֹיבְּן טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

(תּוֹךְ הַנַּחַל וַיֵּצֵא תשס"א)

>>>>>>

בְּגִימַטְרִיָּא "קוֹל". דֶער קוֹל פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס אִיז דֶער לֵייטֶער. בְּלוֹיז מִיטְ'ן קוֹל אַלֵיין, קֶען מֶען אַרוֹיפְקְרִיכְן אוּן אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע שְׁטַאפְּלֶען אִין לֶעבְּן.

### כַאפּ דִיךְ אָן אוּן פַאל נִישְׁט אַרָאפּ

אֵיידֶער רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוָוארְן מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיז עֶר גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן קְדוּשַּׁת לֵוִי זי"ע. אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעזִיצְן אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי חֲסִידִים בַּיי מְלַוֶּה מַלְכָּה, מֶען הָאט גֶעמַאכְט דָארְט אַ גוֹרָל וֶוער עֶס זָאל גֵיין קוֹיפְן בֵּייגֶעלֶעךְ פַאר דִי סְעוּדָה, אוּן דֶער גוֹרָל אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף רֶבִּי נָתָן. רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם בֶּעקֶער, אוֹיפְ'ן וֶועג אִיז עֶר אָבֶּער גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט, עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן מִיט בִּיטֶערְנִישׁ: "צוּלִיבּ דֶעם בִּין אִיךְ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן? צוּ קוֹיפְן בֵּייגֶעלֶעךְ?!" עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין וַוייטֶער צוּ קוֹיפְן דִי בֵּייגֶעלֶעךְ. עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין עֶפֶּעס אַ לֵיידִיגְן בֵּית הַמִּדְרָשׁ אִין דִי וַוייבֶּער שׁוּל, עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זָאגְן אוּן זֵייעֶר וֵויינֶען, עֶר הָאט בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען בִּיז קַאפִּיטְל נ' מִיט גְרוֹיסֶע בְּכִיּוֹת, פוּן גְרוֹיס אוֹיסְמוּטְשֶׁענִישׁ הָאט עֶר אַיינְגֶעדְרִימְלְט.

עֶר הָאט גֶע'חָלוֹמְ'ט ווִי עֶר זֶעט אַ גְרוֹיסֶע לֵייטֶער בִּיזְ'ן הִימְל אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט אַרוֹיפְצוּקְרִיכְן אוֹיפְ'ן לֵייטֶער. עֶר אִיז אַרוֹיף עֶטְלִיכֶע טְרֶעפּ, אוּן עֶר אִיז צוּרִיק אַרָאפְּגֶעפַאלְן, עֶר הָאט נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְט אַרוֹיף צוּ קְרִיכְן, עֶר אִיז אָבֶּער אַלְץ צוּרִיק גֶעפַאלְן, עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט מִיט שְׁטֶערְקֶערֶע כּוֹחוֹת צוּ קְרִיכְן נָאךְ הֶעכֶער אוֹיפְ'ן לֵייטֶער, עֶר אִיז אָבֶּער וַוייטֶער אַרָאפְּגֶעפַאלְן. ווִי הֶעכֶער עֶר אִיז גֶעקְרָאכְן, אַלְץ שְׁטֶערְקֶער אִיז גֶעוֶוען דֶער קְלַאפּ וֶוען עֶר אִיז גֶעפַאלְן. בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעקְרָאכְן גָאר הוֹיךְ, אוּן דַאן אִיז עֶר גֶעפַאלְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע קְלַאפּ, אוּן עֶר הָאט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן... מֶער קֶען עֶר נִישְׁט.

אוּן דַאן הָאט עֶר גֶעזֶען ווִי אֵיינֶער שְׁטֵייט פוּן אוֹיבְן אוּן שְׁרֵייט אַרָאפּ צוּ אִים: "דְרַאפֶּע זִיךְ, אוּן הַאלְט זִיךְ!" - קְרִיךְ אוּן הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק אָן!

דָאס אִיז גֶעוֶוען אוּמְגֶעפֶער אַ יָאר אֵיידֶער עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט עֶר דֶערְקֶענְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס הָאט אִים דַאן מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוּן גֶעשְׁטַארְקְט אַז עֶר זָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן קֵיינְמָאל, נָאר קְרִיכְן אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת.

דֶערְנָאךְ הָאט אִים דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר, רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט פַאר'ן רֶבִּי'ן אַלֶעס וָואס לִיגְט אִים אוֹיפְ'ן הַארְץ, דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט דִי הַאנְט אוֹיף זַיין אַקְסְל אוּן אִים גֶעזָאגְט: "נָאךְ דֶעם אַלֶעם אִיז גוּט וֶוען מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי מֶער רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד". דַאן הָאט רֶבִּי נָתָן פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם חָלוֹם, וָואס דֶער וֶועג אִיז ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן אַרוֹיפְקְרִיכְן אוֹיף דֶעם שְׁוֶוערְן לֵייטֶער-לֶעבְּן, דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקֵייטְן בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, דָאס גֶעבְּט דִי כֹּחַ אוּן שְׁטַארְקֵייט פַאר'ן מֶענְטְשׁ אִיבֶּערְצוּקוּמֶען אַלֶע סָארְט שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן אַרוֹיפְקְרִיכְן טְרֶעפְּל נָאךְ טְרֶעפְּל בִּיזְ'ן אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע שְׁטַאפְּל פוּן הַצְלָחָה.

דֶער לֵייטֶער אִיז טַאקֶע זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּן הוֹיךְ, מֶען דַארְף אָבֶּער נָאר קוּקְן אוֹיף אֵיין טְרֶעפְּל אוֹיפְאַמָאל. אוֹיבּ קוּקְט מֶען גְלַייךְ אַרוֹיף בִּיז אוֹיבְן, קֶען מֶען וֶוען צֶעבְּרָאכְן אַז מֶען הָאט נָאךְ אַזוֹי סַאךְ אַרוֹיפְצוּקְרִיכְן, וֶוען מֶען אָבֶּער נָאר אוֹיף אֵיין טְרֶעפְּל אוֹיפְאַמָאל אִיז עֶס פִּיל גְרִינְגֶער. אוּן וֶוען מֶען הַאלְט זִיךְ אִין אֵיין צוּרִיק אַרָאפְּגְלִיטְשְׁן, דַארְף מֶען זִיךְ אָבֶּער שְׁטַארְקְן אוּן אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל צוּ קְרִיכְן. דָאס אִיז דֶער לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ. מֶען קֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי דוּרְכְּפֶעלֶער, מֶען דַארְף נָאר פְּרוּבִּירְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן אוֹיבּ וֶועט מֶען נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, וֶועט מֶען זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין.

דֶער קוֹל אִיז דִי טְרֶעפּ פוּנֶעם לֵייטֶער. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מַתָּנָה - דִי מוֹיל. מִיט דֶעם מוֹיל וֶועלְן מִיר אַרוֹיפְקְרִיכְן צוּ דִי הֶעכְסְטֶע שְׁטַאפְּל, אוּן מִיט דֶעם מוֹיל וֶועלְן מִיר אַרִיבֶּער קְרִיכְן אַלֶעס סָארְט שְׁוֶועריקֵייטְן.

צַדִּיקִים זָאגְן (עַיֵּין זֶרַע קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא) אַז דֶער וָוארְט קוֹל אִיז אַזוֹי ווִי אַ לֵייטֶער. עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן מִיטְ'ן "ק" וָואס שְׁטֵייט זַיין פִּיסְל שְׁטֵייט טִיף אוּנְטְן אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן עֶנְדִיגְט זִיךְ מִיטְ'ן "ל" וָואס זַיין טוּרֶעם שְׁטַארְט אַרוֹיס הוֹיךְ אוֹיף אַרוֹיף. דֶער קוֹל פִירְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע פְּלֶעצֶער, בִּיז צוּם הֶעכְסְטְן פְּלַאץ.

דֶער לֵייטֶער אִיז נִישְׁט נָאר דֶער "קוֹל" פוּן תְּפִלָּה, נָאר אוֹיךְ דֶער "קוֹל" פוּן תּוֹרָה. חַזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סה, כ) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כז, כב) "הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב וְהַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו" - ווִי לַאנְג דֶער קוֹל פוּן יַעֲקֹב, דִי אִידְן, וֶוערְט גֶעהֶערְט אִין דִי בָּתֵּי כְּנֵסִיּוֹת אוּן בָּתֵּי מִדְרָשׁוֹת, קֶענֶען דִי הֶענְט פוּן עֵשָׂו זֵיי גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן. דֶער פָּסוּק זָאגְט "הַקֹּל קוֹל" - עֶס זֶענֶען דָא צְוֵויי סָארְט קוֹלוֹת וָואס הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס אִיז דֶער "קוֹל תּוֹרָה" אוּן דֶער "קוֹל תְּפִלָּה". וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז דִי הֶענְט פוּן עֵשָׂו הָאבְּן אִים אַרַיינְגֶעכַאפְּט, עֶר זִינְקְט טִיף אִין דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן עֵשָׂו, דַארְף עֶר אָנְהוֹיבְּן צוּ נוּצְן דִי קוֹלוֹת פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, אוּן דַאן וֶועלְן זֵיי נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שְׁלִיטָה אוֹיף אִים.

### וואוּ מֶען גֵייט נָאר

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ע"ח) אַז דֶער דִיבּוּר וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "אֵם הַבָּנִים". אִין קַבָּלָה וֶוערְט דָאס רֶעדְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אָנְגֶערוּפְן אַזוֹי ווִי אַ מַאמֶע. דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז אַזוֹי ווִי אַ מַאמֶע לָאזְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אִיבֶּער אִיר קִינְד. ווִיפִיל דָאס קִינְד זָאל זִיךְ נָאר פַארְשְׁמִירְן אוּן זִיךְ צוּקְלַאפְּן, וֶועט דִי מַאמֶע נָאכְאַלְץ אֵייבִּיג זַיין צוּ זַיין הַאנְט אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן, אִים אָפְּוַואשְׁן, אוֹיפְהוֹיבְּן, אוּן שֵׁיין אָנְטוּן.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז דָאס רֶעדְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. וֶועט דָאס מִיטְגֵיין מִיט אִים סַיי וואוּ אִימֶער. אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ פַארְשְׁמִירְן מִיט דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן, וֶועט דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיטְגֵיין מִיט אִים, אוּן אִים אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן סַיי וֶועלְכְן פְּרָאבְּלֶעם.

מֶען דַארְף אָבֶּער הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד. מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיף אֵיינְמָאל אַרוֹיף טַאנְצְן פוּן אוּנְטְן בִּיז צוּם הֶעכְסְטְן טְרֶעפְּל אוֹיפְ'ן לֵייטֶער. מֶען קֶען נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע

<<<<<<

>>>>>>

שְׁוֶועריקַייטְן, פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען. מֶען דַארְף גֵיין צוּשְׁטַייטְלֶעךְ טְרֶעפְּל נָאךְ טְרֶעפְּל. מֶען בֶּעט אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אוּן אַזוֹי וֶוערְט מֶען צוּבִּיסְלֶעךְ גֶעהָאלְפְן מֶער אוּן מֶער. אוֹיבּ ווִיל מֶען אַרוֹיפְטַאנְצְן עֶטְלִיכֶע טְרֶעפּ אוֹיף אֵיינְמָאל, קֶען מֶען זֵייעֶר גְרִינְג אַרָאפְּפַאלְן אוּן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּקְלַאפְּן, אוּן דַאן קֶען מֶען פַארְלִירְן דִי מוּט אָנְצוּהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט.

בַּיי תְּפִלָּה דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוּן אֲרִיכַת אַפַּיִם. דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָהוּ מח, ט) וּתְהִלָּתִי אֶחֱטָם לָךְ", זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ב') אַז תְּפִלָּה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דִי נָאז, דִי נָאז ווַייזְט אוֹיף "אֲרִיכַת אַפַּיִם", מֶען דַארְף הָאבּ גֶעדוּלְד אוּן אוֹיסְווַארְטְן אוֹיף דִי יְשׁוּעָה, אָבֶער סוֹף כָּל סוֹף וֶועט דִי יְשׁוּעָה זִיכֶער אָנְקוּמֶען.

ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג. עֶר הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זִיכֶער זֶען צוּם סוֹף דִי גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ וָואס עֶר דַארְף אָנְקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיךְ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ לְפַרְשַׁת וַיֵּצֵא)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (פה)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דִי וַוייבּ פוּנֶעם אַרֶענְדֶער וֶוערְט קְרַאנְק, אוּן דִי קְרֶעטְשְׁמֶערְס פְּרוּבִּירְן אִיר זֵייעֶר צוּ הֶעלְפְן מִיט דָאקְטוֹרִים, נָאכְדֶעם וָואס זִי הָאט זֵיי אַסַאךְ אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן.**

אֵיינֶער פוּן דִי קְרֶעטְשְׁמֶערְס אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסְל מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן, עֶר פְלֶעגְט פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אַסַאךְ קַיין זְלַאטִיפָּאלְיֶע, דֶערְפַאר אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִיר מַאן אוּן אִים צוּגֶערֶעדְט עֶר זָאל שִׁיקְן אַ פִּדְיוֹן צוּם רֶבִּי'ן, אוּן בֶּעטְן אַז דֶער רֶבִּי זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר אִיר. דֶער מַאן הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן גֶעשִׁיקְט מִיט אִים אַ פִּדְיוֹן צוּם רֶבִּי'ן. דֶעמָאלְט אִיז דִי פְרוֹי שׁוֹין גֶעוֶוען מַמָּשׁ גָאר נָאנְט צוּ גְּסִיסָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דֶער אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִים אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דֶעם פִּדְיוֹן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל אִים בְּרֶענְגֶען אַ רֶענְדְל. דֶער רֶבִּי הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רֶענְדְל אִין הַאנְט אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז דֶער רֶענְדְל הָאט נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וָואג, אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער מֶענְטְשׁ אוּן גֶעבְּרֶענְגְט אַ צְוֵוייטְן רֶענְדְל, דָאס הָאט אָבֶער אוֹיךְ נִישְׁט גֶעווָאוֹיגְן גֶענוּג, אוּן אַזוֹי הָאט דֶער אִיד גֶעבְּרֶענְגְט אַסַאךְ מָאל נָאךְ רֶענְדְלֶעךְ, אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט עֶס יֶעדֶעס מָאל אָפְּגֶעווָאוֹיגְן מִיט דִי הַאנְט אוּן אִים עֶס צוּרִיק גֶעגֶעבְּן זָאגְנְדִיג אַז ס'הָאט נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וָואג.

בִּיז דֶער אִיד הָאט אַרִיבֶּער גֶערוּפְן צוּם רֶבִּי'ן אַ וֶועקְסְלֶער, יֶענֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן מִיט אַסַאךְ רֶענְדְלֶעךְ, אוּן הָאט אוֹיךְ מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט אַ וָואגְשָׁאל, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אֵיין רֶענְדְל וָואס הָאט גֶעהַאט פּוּנְקְטְלִיךְ דִי רִיכְטִיגֶע וָואג אוֹיפְ'ן וָואגְשָׁאל, אוּן דַאן הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט צוּ דֶעם אִיד, "פָאר אַהֵיים, ווַייל דִי פְרוֹי אִיז שׁוֹין גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן".

דֶער אִיד הָאט זִיךְ גֶעווָאוּנְדֶערְט אוֹיף דִי אָפֶענֶע דִיבּוּרִים, עֶר הָאט גֶעקוּקְט אוֹיפְ'ן זֵייגֶער צוּ זֶען וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט, אוּן אִיז גֶעפָארְן צוּם דָארְף גֶעווָאוּיר צוּ וֶוערְן אִיבֶּער דִי מַצָּב פוּן דִי פְרוֹי.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הוֹיז פוּנֶעם אַרֶענְדֶער, הָאבְּן דִי שְׁטוּבּ מֶענְטְשְׁן אִים דֶערְצֵיילְט וָואס ס'הָאט פַּאסִירְט מִיט אִיר נָאכְדֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן. גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְצוּגֵיין, ס'אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיס גֶעוֵויין אוּן גֶעפִילְדֶער אִין שְׁטוּבּ, בִּיז זִי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן זִי הָאט גֶעבֶּעטְן מְ'זָאל אִיר גֶעבְּן וַואסֶער צוּ טְרִינְקֶען. זִי הָאט זֵיי דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען אִיר נְשָׁמָה אִיז אַרוֹיס אוּן זִי אִיז גֶעקוּמֶען פַארְ'ן בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה, הָאט מֶען אָפְּגֶעווָאוֹיגְן אִירֶע מִצְווֹת אוּן עֲבֵירוֹת, אוּן דִי עֲבֵירוֹת הָאבְּן אִיבֶּערְגֶעווָאוֹיגְן אוּן ס'אִיז אַרוֹיס דֶער פְּסַק דִין אַז זִי דַארְף שְׁטַארְבְּן אוּן מֶער נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט. אִינְצְווִישְׁן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ אִינְגֶערְמַאן [אוּן זִי הָאט אוֹיסְגֶע'מָשָׁלְ'ט דִי צוּרָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן] אוּן עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ רֶענְדְל אוּן עֶס אַרוֹיפְגֶעוָוארְפְן אוֹיפְ'ן וָואגְשָׁאל בַּיי דִי זְכוּתִים, אוּן דָאס הָאט גֶעמַאכְט דִי זְכוּתִים זָאלְן אִיבֶּערְוֶועגְן, אוּן מְ'הָאט אִיר גֶע'פַּסְקְ'נְט אַז זִי קֶען בְּלַייבְּן לֶעבְּן.

לוֹיט ווִי זֵיי הָאבְּן דֶערְצֵיילְט הָאט דָאס פַּאסִירְט אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיטְ'ן אָפְּוֶועגְן דֶעם רֶענְדְל אוֹיפְ'ן וָואגְשָׁאל. דֶער אִיד אִיז זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן פוּן דִי מַעֲשֶׂה, יֶעצְט הָאט עֶר שׁוֹין גוּט פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס דֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹיפִיל מָאל גֶעווָאוֹיגְן אוּן גֶעמָאסְטְן דֶעם רֶענְדְל, בִּיז ס'אִיז אִים גֶעפָאלְן.

**שנא**

רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אָדָר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן זַיין פֶערְטֶע טָאכְטֶער, עֶר הָאט אִיר אָבֶער נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין נָאמֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן שַׁבָּת ווִי ס'אִיז אַיינְגֶעפִירְט.

ס'אִיז אַרִיבֶּער אַ וָואךְ, אוּן נָאךְ אַ וָואךְ, אוּן עֶר הָאט אִיר נָאכְאַלְץ נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין נָאמֶען. דַאן אִיז ר' חֵייקְל, דֶער חַזָּן פוּן רֶבִּי'ן, אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן אוּן גֶעזָאגְט, "רֶבִּי, דִי וֶועלְט וֶועט שׁוֹין הָאבְּן נָאךְ וָואס צוּ רֶעדְן. קַיין נָאמֶען גֶעבְּט מֶען שׁוֹין אוֹיךְ נִישְׁט?!".

אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעפִירְט אַז עֶר הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶע'עַקְשְׁנְ'ט אוֹיף קַיין שׁוּם זַאךְ, הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט, "זָאל זִי הֵייסְן חַיָּה". אוּן עֶר אִיז טַאקֶע גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן מְ'הָאט אִיר גֶעגֶעבְּן דֶעם נָאמֶען חַיָּה.

**שנב**

אִין יֶענֶעם טָאג וָואס מְ'הָאט אִיר גֶעגֶעבְּן דֶעם נָאמֶען, אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִי יְדִיעָה צוּם רֶבִּי'ן

<<<<<<

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## וִוי אַזוֹי מֶעקְט מֶען אוֹיס אַלְטֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת פוּן מֹחַ?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק, יֶעדֶע נֵייעֶ שִׁיעוּר גֶעבְּט מִיר פְרִישֶׁע כֹּחַ אוּן עֵצוֹת אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דֶעם בְּרִיוו וָואס אִיר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אַ פְרוֹי אִיר מְחַזֵּק צוּ זַיין אוֹיף דֶעם וָואס זִי הָאט אוֹיסְגֶעמֶעקְט אִירֶע מָאוִויס, ווַייל אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט מַמָּשׁ דִי זֶעלְבֶּע מַעֲשֶׂה, אֵיינֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן שְׁלֶעכְטֶע מָאוִויס, אִיךְ הָאבּ גֶעווָאוּסְט אַז דָאס וֶועט מִיר שָׁאטְן אִין לֶעבְּן, אִין אֵיין טָאג הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶענוּמֶען דִי שְׁטַארְקֵייט אוּן אַלֶעס פַארְמֶעקְט, נָאךְ אֵיידֶער אִיךְ הָאבּ עֶס אֲפִילוּ גֶעקוּקְט. אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט נָאכְדֶעם אַ גֶעוַואלְדִיגֶע גוּטֶע גֶעפִיל אוּן אַ נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דִי שְׁטַארְקֵייט הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט נָאר פוּן הֶערְן אַסַאךְ דִי שִׁיעוּרִים.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן וָואס צוּ טוּן מִיט דִי נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט אֵיידֶער אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַסַאךְ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, אוּן אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל אַלֶעס פַארְגֶעסְן, אָבֶער פוּן צַייט צוּ צַייט קוּמְט מִיר אַרוֹיף שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען פוּן זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען. וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ? אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע פְרוֹי.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

קוּקְן מָאוִויס אִיז אַ שְׁטַארְקֶע נִסָּיוֹן, עֶס הָאט אַ שְׁטַארְקֶע כֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ, עֶס צִיט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ קוּקְן אוּן וֶוען מֶען פַאלְט אַרַיין אִין דֶעם אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, עֶס הַרְגְ'עט אַלֶע גוּטֶע חֲלָקִים פוּן לֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כה) חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוּכָּה נב.): דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט זִיבְּן נֶעמֶען, הַיינְט - זָאגְט דֶער רֶבִּי - דַארְף מֶען אִים צוּגֶעבְּן אַן אַכְטֶע נָאמֶען, אַ נֵייעֶר נָאמֶען: 'כֹּחַ הַמְדַמֶּה'; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף קוּקְן מָאוִויס, קְלִיפְּס וְכַדּוֹמֶה לָזֶה, עֶס אִיז אֵיין גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן, וָואס הַרְגְ'עט דֶעם מֶענְטְשׁ.

בִּפְרַט אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן דַארְפְן זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ קוּקְן קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס, ווַייל ווִי אַזוֹי דִי מַאמֶע פִירְט זִיךְ - אַזוֹי פִירְן זִיךְ דִי קִינְדֶער. אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה ג:): "זְנוּתָא בְּבֵיתָא, תְּקָפָא בְּבֵיתָא", עֲבֵירוֹת אִין שְׁטוּבּ אוּן כַּעַס אִין שְׁטוּבּ - "כְּקַרְיָא לְשׁוּמְשְׁמֵי", מַאכְט חָרוּב דִי שְׁטוּבּ, "אִידִי וְאִידִי בְּאִתְּתָא", דָאס אִיז בַּיי דִי פְרוֹי, ווַייל אַז דִי מַאמֶע אִיז פַארְנוּמֶען מִיט נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן - זָאגְט רַשִׁ"י: "וְאֵינָהּ עוֹשָׂה מְלַאכְתָּהּ וְלֹא מְשַׁמֶּרֶת בֵּיתָהּ", טוּט זִי נִישְׁט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט אוּן דִי הוֹיז וֶוערְט אַ הֶפְקֵר הוֹיז; דַארְף אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ קוּקְן קַיין שׁוּם זַאכְן.

אוֹיף אֵייעֶר פְרַאגֶע ווִי אַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן קָאפּ אַלְטֶע זַאכְן; אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ אַסַאךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ, וֶועט מִיט דִי צַייט זִיךְ טוֹישְׁן דִי גַאנְצֶע מֹחַ, אִיר וֶועט וֶוערְן אַ רֵיינֶע מַאמֶע, אַ רֵיינֶע פְרוֹי.

אוֹיבּ אִיר הָאט צַייט פְּרוּבִּירְט צוּ זָאגְן תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג, תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט צוּ תְּשׁוּבָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה וְכוּ'", וֶוער עֶס ווִיל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, זָאל זָאגְן תְּהִלִּים; אַז אִיר וֶועט זָאגְן תְּהִלִּים וֶועט אִיר צוּרִיק בַּאקוּמֶען אַ נֵייעֶ מֹחַ מַחְשָׁבָה, עֶס וֶועט וֶוערְן רֵיין אוּן לוֹיטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּצֵא תשפ"א)

BreslevCenter.com\answers

**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים,**
**קען מען ליינען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה"**
**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 3# 718-387-2691**



>>>>>>

פוּן שְׁטָאט מֶעזֶעבִּיזְשׁ אַז זַיין מַאמֶע אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן. דֶעמָאלְט הָאבְּן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוַוארְט מִיטְ'ן גֶעבְּן דֶעם נָאמֶען, וַוייל עֶר הָאט אִיר גֶעוָואלְט אַ נָאמֶען גֶעבְּן נָאךְ זַיין מַאמֶע.

דַאן הָאט ר' חַייקֶל שְׁטַארְק חֲרָטָה גֶעהַאט אוֹיף וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט אוּן גֶעזָאגְט, "וִוי לַאנְג נָאךְ וֶועל אִיךְ זִיךְ אַלְץ אַרֵיינְמִישְׁן בַּיים רֶבִּי'ן ?".

**שנג**

מִיטְוָואךְ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ט אָדָר, אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן דֶעם רֶבִּינְ'ס מַאמֶע, דִי צַדֶיקֶת מָרַת פֵיגָא.

**שנד**

פַאר פֶּסַח אִיז דֶער אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער רֶבִּי יִצְחָק אַייזִיק גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי"ן, אוּן אוֹיפְ'ן וֶועג וֶוען עֶר אִיז גֶעשְׁלָאפְן אִין אַ גַאסְט הוֹיז הָאט עֶר זִיךְ גֶע'חָלוֹמְ'ט וִוי עֶר הֶערְט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעהֶערְט וואו עֶר הָאט עֶס גֶעהֶערְט.

עֶר אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִינְדֶערְפְרִי אוּן אִיז גְלַייךְ גֶעפָארְן וַוייטֶער צוּם רֶבִּי"ן, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי"ן אוּן אִים אִיבֶּערְגֶעזָאגְט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה פוּן אָנְהוֹיבּ בִּיזְ'ן סוֹף, מִיט אַ גֶעפֶערְלִיכֶע פַּחַד אוּן שְׁרֶעק.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן אִים, עֶר הָאט אָבֶער גֶע'חַלְשְׁ'ט פוּן גְרוֹיס צִיטֶערְנִישׁ, אוּן אִיז גֶעבְּלִיבְּן חַלָשׁוּת, מְ'הָאט אִים קוֹים גֶעקֶענְט עֶרְוֶועקְן מִיט גְרוֹיסֶע שְׁוֶועריקַייטְן.

דַאן אִיז עֶר זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן אוּן אִיז גֶעלִיגְן אוֹיפְ'ן קְרַאנְקְן בֶּעט. דֶער רֶבִּי הָאט גֶענוּמֶען אַבִּיסְל זוּפּ אוּן אִים גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן, אוּן דַאן הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "הַיינְט הָאבּ אִיךְ מְשַׁמֵשׁ גֶעוֶוען אַן אֶמֶת'עֶר תַּלְמִיד חָכָם !".

דֶערְנָאךְ אִיז רֶבִּי יִצְחָק אַייזִיק דָארְט נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן.

**שנה**

זוּנְטָאג, אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח, כ"ב נִיסָן, אִיז גֶע'הַרְגְ'ט גֶעוָוארְן דֶער קֵייזֶער פָּאוּל, אוּן מְ'הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶוער פוּן זַיינֶע קִינְדֶער גֵייט אִיבֶּערְנֶעמֶען דִי מְלוּכָה, אַלֶכְּסַנְדֶר אָדֶער נִיקָאלֵיי. אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטַארְק רֶעלִיגְיֶעזֶער אוּן אַ שְׁטְרֶענְגֶער מֶענְטְשׁ, אוּן סְ'אִיז גֶעוֶוען אַ סַכָּנָה פַאר דִי אִידְן אַז עֶר וֶועט זַיי רוֹדְפְ'ן. אוּן דֶער צְוֵוייטֶער אִיז גֶעוֶוען מֶער אַ פְרֵייעֶר, וָואס פוּן אֵיין זַייט אִיז עֶס גֶעוֶוען אַ טוֹבָה פַאר אִידְן אַז עֶר וֶועט זַיי נִישְׁט פַּיינִיגְן, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז עֶס גֶעוֶוען אַ רוּחְנִיוּת'דִיגֶע סַכָּנָה פַאר אִידְן, וַוייל עֶר וֶועט עֶפֶענֶען דִי גוֹי'אִישֶׁע שׁוּלֶעס אוֹיךְ פַאר אִידְן, אוּן דָאס קֶען אַרָאפְּפִירְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן וֶועג רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

סְ'אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט חִילוּקֵי דֵעוֹת צְוִוישְׁן דִי צַדִיקִים פוּן דוֹר וֶוער סְ'אִיז בֶּעסֶער צוּ וֶוערְן קֵייזֶער. אוּן נָאךְ פֶּסַח הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט אִיבֶּער דֶעם, אוּן אִינְצְוִוישְׁן הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט דִי טִיר אוּן סְ'אִיז אַרֵיינְגֶעקוּמֶען רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק. פוּן גְרוֹיס הִתְרַגְשׁוּת אַז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעזֶען דֶעם רֶבִּי"ן פַאר אַזַא לַאנְגֶע צַייט, פוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט עֶר גֶע'חַלְשְׁ'ט אוּן אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוֹיף דֶער עֶרְד פַארְ'ן רֶבִּינְ'ס פִּיס.

הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט אַז אוֹיךְ אִים פְרֶעגְט מֶען אִין הִימְל וֶוער סְ'זָאל זַיין דֶער קֵייזֶער.

צוּם סוֹף אִיז אַלֶכְּסַנְדֶר גֶעוָוארְן דֶער קֵייזֶער, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעקְרִיגְט מִיט זַיין בְּרוּדֶער נִיקָאלֵיי פַאר זֶעקְס אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, בִּיז אַלֶכְּסַנְדֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן דַאן הָאט זַיין בְּרוּדֶער נִיקָאלֵיי אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דִי מְלוּכָה אוּן גֶעוָוארְן קֵייזֶער אִין יָאר תקפ"ז. אִין יֶענֶעם יָאר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דִי גְזֵירָה צוּ נֶעמֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין מִילִיטֶער, אוּן אִינֶעם זֶעלְבְּן יָאר אִיז רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן.

אוּם שִׂמְחַת תּוֹרָה פוּן יֶענֶעם יָאר הָאט מֶען גֶעהֶערְט וִוי עֶר זָאגְט בַּיים טַאנְצְן, "אָדֶער אִיךְ אָדֶער עֶר", אוּן דַאן אִיז עֶר נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן יֶענֶעם יָאר.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# שמחת התורה ביי הונדערטער אנשי שלומינו מיט זייערע משפחות ביים סיום מסכת עירובין

א ריזיגן ציבור פון אנשי שלומינו זענען זיך צוזאם געקומען פייערן דעם גרויסן מאמענט פון מסיים זיין מסכת עירובין, און התחלת מסכת פסחים, פארגאנגענעם מוצאי שבת קודש אין וויליאמסבורג.

עס איז נישט מעגליך צו באשרייבן דעם גרויסן שמחה וואס יעדער האט געשפירט אין הארץ וויסענדיג אז ברוך השם מען האט זוכה געווען אין די לעצטע הונדערט און פינף טעג צו לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא, וואס אין די טאג איז אריינגערעכענט פילע פארנומענע ימים טובים טעג, שמחות, די "קאראנע טעג", און בפרט די שטורעמישע ערב ראש השנה טעג זייענדיג פארוואגלט פון איין עירפארט צום צווייטן, און נישט אויסלאזן קיין איין טאג, און זיך נישט געלייגט שלאפן אן א בלאט גמרא.

א שיינע סעודת מלוה מלכה איז סערווירט געווארן לכבוד דעם מעמד, און ביי יעדנ'ס פלאץ איז געווען א שיינע מתנה א "קריאת שמע שעל המיטה נוסח האריז"ל".

בשעת די מעמד איז געזינגען געווארן גאר שיינע ניגוגים דורך די קינדער פון די טאלאנטפולע "אידיש נחת" כאר, אנגעפירט דורך ר' משה קרויס, צוזאמען מיט די הערליכע "הלוים" כאר, אנגעפירט דורך ר' אברמי דאנציגער.

ר' משה קרויס מיט די "אידיש נחת" קינדער האבן איבעראשט דעם ציבור מיט'ן פאכמאניש אראפזינגען א נייעם ניגון וואס ר' יוסי גרין האט פארפאסט איבער די חשיבות פון לימוד משניות, דער ניגון וועט זיין אויף זיין נייעם סידי "אידיש נחת 4" וואס קומט בעזרת השם ארויס אין די נאנטע טעג.

אזוי אויך האט מען געהערט א שיינעם אויפטריט פונעם זינגער און גראמער ר' חיים מאיר ערפס, וואס האט מיט קונצליכע גראמען אויפגעשפילט צוזאמען מיט א ילד הפלא די חשיבות פון לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא, וואס דורך דעם ווערט מען געראטעוועט פון אלעם שלעכטס.

הר"ר אלימלך שארף שליט"א האט אויפגעטרעטן מיט א שיינע דרשה, ער האט ארויסגעברענגט אז מיר דארפן געדענקען אז מיר זענען "ש"ס אידן", און דאס איז אונזער שטאלץ און דאס איז אונזער לעבן.

דערנאך האט מען געהערט א שיינעם נייעם ניגון וואס ר' יוסי גרין האט פארפאסט ספעציעל לכבוד דעם סיום, איבער די ווערטער פון די גמרא (יבמות קכ"א.) "אמר רבן גמליאל, פעם אחת הייתי מהלך בספינה, וראיתי ספינה אחת שנשברה, והייתי מצטער על תלמיד חכם שבה ומנו רבי עקיבא, וכשעליתי ביבשה בא וישב ודן לפני בהלכה, אמרתי לו בני מי העלך, אמר לי דף של ספינה נזדמן לי וכל גל וגל שבא עלי נענעתי לו ראשי", ווי ער האט ארויסגעברענגט אז אויב מען כאפט זיך אן אינעם "דף גמרא" קען מען איבערקומען אלע שטורעמעס און שווערע כוואליעס, פון וואס דער ציבור האט שטארק הנאה געהאט.

אויך האט מען געטיילט פלעקס פאר פארשידענע עסקנים און נדבנים וואס האבן ארויסגעהאלפן די הייליגע מוסדות, און האבן צוגעלייגט א פלייצע אז דער שיינער סיום זאל קענען אפגעראכטן ווערן מיט סוקסעס.

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א אויפגעטרעטן און האט ארויסגעברענגט ווי מען זעט אז יעדער אינגערמאן האט א חלום תיכף נאך די חתונה צו האבן "אן אייגענע דירה", מען טראכט אז מען וויל נישט וואוינען אויף יענעמ'ס חסדים, "מיר האבן מקבל געווען פון מוהרא"ש א סגולה צו האבן אן אייגענע דירה, צו לערנען יעדן טאג א דף ב'בלי, א דף י'רושלמי, און א פרק ת'וספתא, וואס דאס איז ראשי תיבות בי"ת, און דאס וועט אונז געבן אויך א בית אויף יענע וועלט - א "בית נצחי".

דער ראש ישיבה האט אויך שטארק ארום גערעדט פונעם רבינ'ס דרך הלימוד, (שיחות הר"ן סימן ע"ו) "כי אין צריכים בלימוד רק האמירה בלבד". דאס איז די גרויסע שמחה ביים דעם סיום, אז אלע האלטן מיט די דף גמרא, נישט נאר די איין פראצענט לומדים, די איין פראצענט גוטע קעפ, די איין פראצענט כולל אינגעלייט, דא זאגט יעדער איינער גמרא, עלטערע אידן, מיטל יעריגע, אינגעלייט, ארבייטער, כולל אינגעלייט, ישיבה בחורים, ארבייטער בחורים, און אפילו קינדער. דאס איז דעם רבינ'ס חידוש, ער געבט א וועג צו לערנען פאר יעדן איינעם אין יעדן מצב. דו קענסט אויך קונה זיין די הייליגע תורה. דו קענסט אויך האבן א שייכות מיטן אייבערשטן. דו קענסט אויך האבן שלום בית.

נאך ברכת המזון האט דער ראש ישיבה שליט"א געטיילט א קליינע פסחים גמרא פאר אלע משתתפים צו קענען מיטנעמען און לערנען סיי ווי אימער.

**אין שמחה כשמחת התורה!**


## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

## טאטי איז שוין אלט

**אזוי ווי דו פירסט זיך צו דיינע עלטערן, אזוי וועלן דיינע קינדער זיך פירן צו דיר. נעם אריין דיין טאטע און זיי אים מכבד.**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 7, 1, 41**


## סימן טוב ומזל טוב

החתן **נתן שווארץ** הי"ו, בארא פארק

**וואס איז א חתן געווארן עב"ג למזל טוב**


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**